# בס"ד. שיחת "דברי כיבושין" עשרה בטבת ה'תש"נ
## – אחרי תפילת מנחה –

**הנחה בלתי מוגה**

א. אַזוי בכלל איז דאָך אַ תענית איז, ווי ער – דער אַלטער רבי – איז מבאר (אין אגרת) אין תניא בכמה מקומות אַז דאָס איז אַ ענין פון אַן "עת רצון".

ווי איז דאָך אויכעט פאַרשטאַנדיק במיוחד פון די הפטורה וואָס מ'זאָגט אין אַ תענית, וואָס הויבט זיך גלייך אָן בתחילתה "דרשו הוי' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב", אַז (דאָס גייט זיך) מצד דערויף וואָס דאָס איז אַ זמן פון "בהמצאו" ו"בהיותו קרוב", איז דאָך פאַרשטאַנדיק די גרויסקייט פון די "עת רצון" וואָס איז דעמולט, וויבאַלד נאָך אַז מ'פאַרגלייכט דאָס אויכעט אַז "כאן בציבור" און "כאן ביחיד", אַז בהנוגע צו עשרת ימי תשובה טוט דאָס אויף אויכעט אַ יחיד אָט דאָס וואָס מ'דאַרף האָבן בשאר השנה דוקא ע"י ציבור, איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז מ'פאַרגלייכט דאָס צו עשרת ימי תשובה, וואָס דעמולט איז דער "דרשו הוי' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב" אפילו ביחיד; און דאָס זאָגט מען אין דער הפטורה און גלייך בתחילתה, אין דעם ערשטן פסוק פון דער הפטורה, כנזכר.

וואָס דאָס איז אויכעט פאַרשטאַנדיק, בפרט נאָך אַז מ'קומט אין אַ שנה וואָס ווי אידן האָבן דאָס (אַ נאָמען גע...) געזאָגט אַז דאָס איז אַ ראשי תיבות פון "תהא שנת ניסים", וואָס דער ענין פון "ארים ניסי על ההרים" איז דאָך אויכעט אַז די הנהגה איז ניט סתם אַ הנהגה רגילה, נאָר ווי דאָס איז אַן הנהגה ניסית, ובמיוחד, ביז וואַנעט אַז דאָס איז "על ההרים", אַז ס'איז דאָ "הרים" וואָס בלאו הכי זיינען העכער פון שטח הארץ, און אָט דאָס איז נאָך "על ההרים", און "על ההרים" איז דאָס ניט סתם אַז מ'שטייט "על ההרים", נאָר מ'נעמט אַ "נס", וואָס בלאו הכי איז דאָך ענינו אויפן זיין אַ סימן אויף אַ ענין וואָס דאָס איז למעלה מן הטבע, און מ'זאָגט אַז דער "נס" איז נאָך אין אַ אופן פון "הרים", און "על ההרים", איז דאָך כמה פעמים ככה דער ענין פון די הנהגה לגבי (הנהגת הטבע) הנהגה טבעית.

ובמיוחד אויכעט בנוגע – וויבאַלד אַז דאָס איז "עת רצון", איז דאָס בנוגע צו ענטפערן (דעם) יעדן אידן'ס בקשות, וויבאַלד אַז דעמולט איז דאָס (ע"ד פון "דרשו") – ניט ע"ד נאָר – דעמולט איז דאָס דער זמן פון "דרשו הוי' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב", אַז דער אויבערשטער הייסט און גיט כח אַז (מ'זאָל) [דאָס] זאָל זיין ביתר שאת וביתר עוז, וכמדובר כמה פעמים.

ב. וואָס דאָס איז דער דבר השוה אין אַלע תעניות. דערנאָך קומט זיך, האָט זיך דאָך יעדער תענית, האָט ער זיך דער ענין וואָס איז פאַרבונדן דוקא מיט עם, אין וועלכע ער טיילט זיך אויס פון די אַנדערע תעניות ציבור.

וואָס בנוגע צו עשירי בטבת, דאַרף מען דאָך ניט זוכן קיין רמזים בזה, וויבאַלד דאָס גופא וואָס דאָס איז ביום העשירי בחודש (בקודש), איז שוין דאָ דער מקרא מלא דיבר הכתוב אַז "העשירי יהי' קודש", האָט זיך דאָס, דער טאָג אַליין אויסגעקליבן געוואָרן אַז דער תענית איז באַשטימט געוואָרן און אויסגעקליבן געוואָרן דער טאָג וואָס איז אַ יום קדוש בלאו הכי, עאכו"כ אַז אידן טוען דעמולט אין דעם טאָג, ווי דער רמב"ם זאָגט בנוגע צו תעניות, אַז אַ ענין פון אַ תענית איז דאָס דער ענין פון תשובה, וכמדובר בארוכה כמה פעמים.

וואָס יש לקשר אויכעט זה, כמדובר אַמאָל אויכעט בארוכה, אַז דאָס איז אויכעט פאַרבונדן מיטן חודש, וואָס דער חודש ווערט אָנגערופן בשם "טבת" – דרש'ענען אויף

דערויף חז״ל אַז דעמולט איז דאָס אַ חודש ״שהגוף נהנה מן הגוף״, איז דאָך מבואר בזה דער רמז אין ספרי חסידות,

אַז ס׳איז דאָ דאָך באַ יעדער אידן, איז דאָך דאָ אַ ענין פון ״חלק אלוקה ממעל ממש״, וואָס דאָס איז זיין נפש, ״נפש השנית בישראל״, און דערנאָך איז דאָ דער חלק הגוף, און ווי ער זאָגט אויכעט אין תניא אַז ״עושים גופם טפל (ונשמתם עיקר) ונפשם עיקר״, דערנאָך קומט אָבער אַ זמן וואָס אידן דערגרונטעווען זיך ע״י עבודתם, קריגן זיי אַרויס און זיינען מגלה אין יעדער ענין זיין תכלית המכוון שלו, וואָס דעמולט האָט מען דאָך אויכעט דעם כלל, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז תחתון תחתון ביותר – איז אַ סימן אַז ער נעמט זיך פון גבוה גבוה ביותר.

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק דער היפך הדברים, אַז דורך עבודת הגוף, איז בשעת דאָס ווערט אַן עבודה בשלימותה ולתכליתה, אָט דעמולט קומט דאָס פון תחתון תחתון ביותר, פון דעם גוף, איז דאָס נאָך העכער ווי מ׳דערגרייכט ע״י עבודת הנשמה באַ דעם אידן, וכמדובר כמה פעמים בארוכה.

וואָס דאָס איז אויכעט דער רמז ״הגוף נהנה מן הגוף״, אַז דעמולט האָט דער ״גוף״ למטה, וואָס דאָס איז דער ענין פון דער גוף פון אַ אידן – ווערט דאָס אַ ענין וואָס ״נהנה מן הגוף״ – פון דעם ״גוף״ ווי ער איז למעלה; וואָס עד״ז איז אויכעט פאַרשטאַנדיק אַז אויך למעלה, וויבאַלד אַז דאָס ווערט אָנגערופן בשם ״גוף״ און ניט ״נשמה״ למעלה – איז דאָס גופא באַווייזט אַז אויך אין דעם ״גוף״ שלמעלה, דערגרייכט דאָס, בשעת אין דעם ״גוף״ שלמעלה איז מען מוסיף ע״י מעשינו ועבודתינו, איז מען מוסיף, ובפרט אַז די עבודה איז פאַרבונדן מיט אַ גוף דאָ למטה – האָט דאָס נאָכמערער שייכות צו אַרויסקריגן די שלימות וואָס איז דאָ אין ״גוף״ דלמעלה אפילו לגבי ״נשמה״ שלמעלה, וואָס אָט דעמולט פאַרבינדט דאָס די גשמיות שלמטה מיט דעם ״גוף״ שלמעלה ווי ער שטייט בשרשו ומקורו, וואָס דעמולט איז דאָס נאָך העכער ווי מ׳דערגרייכט ע״י עבודת הנשמה אין ״נשמה״ שלמעלה, וכמדובר כמה פעמים.

וואָס דערפאַר פאַרבינדט מען דאָך דאָס אויכעט מיט אַ ענין וואָס דאָס איז אויכעט בדוגמת תענית, וואָס דערפאַר איז דאָס אַ ענין פון אסתר וואָס איז מלשון ״הסתר אסתיר פני ביום ההוא״, און זי איז געוועזן דער סוף פון כל הנביאים, וכמדובר כמה פעמים – איז דאָס אַ כתוב וואָס ס׳רעדט זיך דוקא אין מגילת אסתר וועגן די מעלה פון חודש טבת, און פאַרבונדן אויכעט מיט ״המלך אחשורוש״.

וואָס דאָס איז געווען דוגמתו: ווי קומט ער, וואָס איז די שייכות צו אסתר׳ן – דערפאַר וואָס דעמולט איז געווען ווי ״אחשורוש״ איז למעלה, וואָס דאָס איז ״שאחרית וראשית שלו״ פון למעלה, וואָס דאָס איז דאָך מדגיש אַז אין למעלה איז אויכעט דאָ ״אחרית״ און ״ראשית״, און דאָס איז מערניט ווי ״אחרית״, משא״כ דער צווייטער ענין ווערט אָנגערופן בשם ״ראשית״, און ע״י עבודת הגוף למטה איז מען אויכעט מגלה די מעלה פון דעם ״גוף״ שלמעלה, און אַזוי איז אויכעט למעלה, וויבאַלד אַז דאָס איז ״גוף״ שלמעלה – איז דאָס נאָך העכער, בשעת מ׳אַרבעט דאָס דורך ע״י מעשינו ועבודתינו, ״הבו גודל לאלקינו״, איז מען מוסיף נאָכמערער אין מעלת הגוף.

ביז וואַנעט אַז מ׳איז מוסיף עד כדי כך, אַז ער ווערט העכער שלא בערך פון דער דרגא וואָס ווערט אָנגערופן למעלה בשם ״נשמה״, און עד כדי כך, אַז ס׳איז ניט סתם אַז מ׳דערגרייכט די מעלה, נאָר ווי דער לשון חז״ל – וואָס יעדער ענין איז דאָך מדוייק אין תורה – זאָגט מען אויף דערויף דעם לשון ״נהנה״, אַז דאָס איז ניט סתם ע״ד פון אַ ״לחם לאכול״, וואָס ״לחם לאכול״ איז ער ממלא רעבונו, און דורך דערויף איז ער מקשר די חיי הנשמה מיטן גוף, וואָס דערפאַר מאַכט מען דאָך אויף דערויף די ברכות וכו׳ – נאָר דאָס איז נאָכמערער: דאָס איז אַן ענין אַז דאָס איז ניט סתם אכילה; דאָס איז אַן אכילה וואָס ווערט אָנגערופן בשם ״הנאה״.

ע״ד ווי ס׳איז אויכעט דאָ במיוחד, און פאַרבונדן אויכעט מיט ארצנו הקדושה, מיט די פירות שנשתבחה בהם ארץ ישראל, וואָס מ׳זאָגט אויף דערויף אַז דאָס איז אַ ענין של שבח, וואָס דערפאַר איז אויכעט אין אכילה שלהם, איז דאָס ניט סתם אַן אכילה וואָס זי איז מקשר און ממשיך און מגלה דער חיי הנשמה אַז ס׳זאָל זיין אין גוף שלמטה, און עד״ז אויכעט למעלה, נאָר דאָס ווערט אויכעט אין אַן אופן פון הנאה, וואָס דאָס איז נאָך מערער; ע״ד שנשתבחה בהם ארץ ישראל, אין דערויף גופא איז דאָך אויכעט דאָ די צוויי ערשטע זאַכן, וואָס דאָס איז דער לחם, דער חיטה ושעורה, וואָס ענינם סתם איז דער ענין פון אכילה סתם, און דערנאָך איז דאָ די פירות וואָס ווערן אויסגערעכנט לאחרי זה, די חמש פירות, ווי ער רעכנט אויס אין פסוק.

און מ׳זאָגט אויכעט אַז אין דעם פסוק גופא איז חזר׳ט זיך איבער נאָכאַמאָל דער וואָרט "ארץ", און ס׳איז אויכעט אַ נפקא מינה בנוגע לפועל, אַז אַזוי איז דאָך די ברכה פון די מינים וואָס ווערן גערעכנט אין דעם פסוק, איז דער וואָס איז קודם בפסוק איז ער אויכעט ברכתו קודמת, אָבער מ׳רעכנט אויכעט ווי ס׳איז דער יחס איז צו שרשה און מקורה, וואָס דאָס איז דער "ארץ", וואָס פון איר איז דאָ דער "חיטה ושעורה", ביז "זית שמן ודבש", און פאַר זיי – "שמן ודבש" – שטייט נאָכאַמאָל דער וואָרט "ארץ", דערפאַר וואָס דעמולט הויבט זיך אָן אַ באַזונדער חשבון און אַ באַזונדער חשיבות, וואָס דערפאַר אָט דער וואָס איז קרוב אין "ארץ זית שמן ודבש", צו דעם וואָרט "ארץ", איז ער קודם צו אָט די וואָס זיינען קרוב צו דעם ערשטן מאָל "ארץ", נאָר וואָס דען – אין אַן אופן וואָס איז ווייטער, ניט ווי דער קורבה צו דעם "ארץ" השני׳.

וואָס אַזוי אין אויכעט און יש לרמז בזה, אַז וואָס איז דאָס דער ענין פון צוויי מאָל "ארץ", וואָס בכלל באַווייזט דאָך דאָס (אויף אַ נשמה) אויף די עבודת פון אַ אידן, ווי אַלע ענינים אין תורה, איז אויכעט דאָ אין דערויף צוויי ענינים אין ענין פון "ארץ": ווי "ארץ" איז למטה מטה, פון לשון "ארציות", און דערנאָך ווי "ארץ" איז פון לשון "רצתה לעשות רצון קונה", וואָס אַזוי איז אויכעט, איז די ביידע טייטשן איז דאָך דאָ אין ביידע פעמים "ארץ" וואָס אין דעם פסוק, און אין דערויף גופא איז אויך ווי ס׳איז דאָ די ביידע זאַכן אין אַ דרגא תחתונה שבעבודה, און ווי ס׳איז דאָ די ביידע ענינים פון "ארץ", סיי "ארציות" און סיי "רצתה לעשות רצון קונה", מיט די צוויי אָפּטייטשן אין "רצתה": פון לשון לויפן און פון לשון רצון, אַז ס׳איז אויכעט אין דערויף אויכעט דאָ די ביידע אָפּטייטשן סיי אין דעם ערשטן "ארץ" סיי אין דעם צווייטן "ארץ".

וואָס אָט אַזוי איז אויכעט בנוגע צו תענית האמור פון אַן "עת רצון", איז דאָס, אפילו ווען דאָס קומט אויס באיזה יום בחודש, עאכו״כ אַז מ׳האָט אַ צווייטן "עת רצון" אין דעם תענית, וואָס דאָס איז העשירי בחודש, און אין וועלכן חודש? – "שהגוף נהנה מן הגוף", מיט אַלע פירושים שבדבר הרמוזים לעיל והמפורשים לעיל.

ג. וואָס דאָס איז אויכעט מקרב די גאולה האמיתית והשלימה, וכידוע דער סיפור, אַז ס׳איז געווען אַ קא סלקא דעתך אַז דאָס וואָס ס׳איז געדרוקט די לקוטי תורה, איז דאָס שוין דער ענין הגאולה.

און די קא סלקא דעתך איז אַרויס בגלוי אויכעט דורך אַ אידן – טאַקע בתור שאלה – וואָס איז אויכעט פאַרבונדן מיט נשיאות וואָס באַ אַ אידן, וואָס בכלל איז דאָך, יעדער איד איז דאָך "ניצוצו של יעקב אבינו", במילא האָט ער דעם ר"ת פון די פיר ווערטער, ווערט ער אויכעט אין אַן אופן פון אַ נשיא בעניניו, ביז וואַנעט אַז מען מאָנט פון עם, און מ׳גיט עם כח אויף דערויף – "איני מבקש אלא לפי כחו" – אַז ער זאָל זיין אַ "נשיא בעמו", אין דער גאַנצע סביבה אין וועלכע ער לעבט, עאכו״כ בביתו בפשטות, ובתוך בני ביתו, בניו ובנותיו, וכמדובר כמה פעמים.

און אין דערויף גופא איז דאָ דרגא למעלה מדרגא, ע״ד ווי אויכעט אין עבודת האדם, בשעת מ׳זאָגט "כפליים לתושי׳", מיינט מען דאָך דאָס ניט נאָר אַז דאָס איז צוויי מאָל אַזויפיל, נאָר וואָס דען – דאָס איז אין אַן אופן שבאין

ערוך, נאָר דאָס איז אַ צווייטער סוג, אעפ״כ איז אין דערויף אויכעט נרמז דער ענין פון שני פעמים, דערפאַר וואָס בכלל איז דאָס שני סוגים וואָס זיי זיינען באין ערוך איינער צו דעם צווייטן, און דאָס גופא מאַכט פון זיי איין ענין, ע״ד ווי מ׳זאָגט אַז בא אַ אידן, הויבט זיך אָן זיין חינוך און די כניסה פון נפש הקדושה שלו, הויבט זיך גלייך אָן באַם יום השמיני, ווי ער – דער אַלטער רבי – ברענגט אויכעט אַראָפּ בשולחן ערוך שלו אין מהדורא בתרא, וכמדובר כמה פעמים.

און אין דערויף גופא האָט מען אויכעט די "מהדורא בתרא" אין די אַלע ענינים, און מ׳האָט אויכעט די "מהדורא בתרא" פון דעם גלות, וואָס דער ענין פון גלות איז דאָך, מערניט אַז דאָס איז אַזוי די קא סלקא דעתך און די התחלה שבענין, איז די "מהדורא קמא" שלו איז דאָס אַ ענין של גלות, משא״כ "מהדורא בתרא" וואָס האָט אויכעט דעם אָפּטייטש אַז דאָס איז ניט נאָר אַ צווייטע מהדורא, נאָר דאָס איז דער לעצטע מהדורא, האָט מען דער לעצטע מהדורא פון גלות, אַז מ׳איז מגלה דעם תכלית צוליב וועלכן דער גלות איז באַשאַפן געוואָרן, וואָס דאָס איז כדי אַז בא אַ אידן זאָל צוקומען נאָך אַ אופן עבודה דורך אַריינשטעלן "אלופו של עולם", און אַריינשטעלן עם בגלוי אַז מ׳זעט אַז [ס׳איז] צוגעקומען אַן אות אל״ף.

וואָס דער אות אל״ף איז דאָך שוין אויכעט מרמז אויף דעם אידן און אויפן אויבערשטן, וכמדובר כמה פעמים דער ביאור רבותינו נשיאנו, אַז א׳ איז דאָס אַ יו״ד למעלה און אַ יו״ד למטה, וואָס דאָס גייט אויפן יו״ד למעלה פון דעם אויבערשטן ווי ער שטייט אין אַן אופן פון אַ יו״ד, און ווי דער יו״ד למטה פון אַ אידן ווי ער שטייט אין אַן אופן פון ביטול אמיתי, און צוזאַמען דערמיט אויכעט דעם ענין ווי ער איז פאַרבונדן מיטן יו״ד, ע״ד ווי אין דעם יו״ד פון אדנ-י וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיטן יו״ד פון שם הוי׳, נאָר דאָס איז בראשיתו און דאָס איז (בתחילתו) [באחריתו], און ס׳ווערט דער "ראשית ואחרית שלו" כמוזכר לעיל.

ד. און ויהי רצון אַז ס׳ווערט תיכף ומיד ממש, זעט מען אויכעט אין דעם גלות, פון דעם איצטיקן גלות.

און בפרט נאָך אַז ער איז ביום "והעשירי", וואָס "העשירי (איקרי) יהי׳ קודש", און (ביום) [בחודש] "שהגוף נהנה מן הגוף", מאַנען דאָך אידן און פירן אויס אַז דער גוף פון אַ אידן האָט אויכעט הנאה פון גוף שלמעלה, ביז וואַנעט, כמוזכר, אַז ס׳ווערט דער דיוק בזה, אַז ניט נאָר אַז ער איז אוכל ושותה פון דעם גוף שלמעלה, נאָר ס׳ווערט אויכעט אין אַן אופן של הנאה, וואָס דאָס איז אויכעט אַז דאָס וואָס מ׳ווייס אַז גלות איז אַ ענין וואָס דאָס איז אַ כלי אין עם זאָל אַריינגעשטעלט ווערן אַן אל״ף, וועט דאָס ווערן "גאולה", און אויכעט דערנאָך זעט מען דאָס אויכעט בפועל, ביז וואַנעט אַז ער איז אוכל ושותה פון עניני הגלות ווי דאָס שטייט שוין אין אַ ציור פון גאולה, איז דאָס איז נאָך ניט דער תכלית העבודה און ניט דאָס מאַנען אידן און ניט דאָס איז די תכלית הענינים, נאָר דער תכלית ושלימות איז אַז די אַלע ענינים זאָלן זיין אין אַן אופן דוקא פון "נהנה".

און זאָל זיין אויכעט דער "נהנה", ניט נאָר די נשמה, דער "חלק אלוקה ממעל ממש" נהנה, נאָר ס׳זאָל אויך זיין דער גוף הגשמי ווי ער בלייבט בגשמיות שלו, איז ניט נאָר ער האָט דעם חיות שלו, ביז "מחי׳ חיים", אַז ער איז אויך מחי׳ אַנדערע און מאַכט "נרות להאיר" פון בנים ובנות עוסקים בתורה און מצוותי׳, "ושננתם לבניך אלו התלמידים", אַז ער איז משפיע תורה און פנימיות התורה אַרום זיך, ביז אין אַן אופן פון "יפוצו מעיינותיך חוצה", און פירט אויס דורך דערויף אַז דעמולט איז "קאתי מר דא מלכא משיחא".

קומט ער אין אַן אופן ווי ער איז, ווי געזאָגט אין דער הפטורה פון דעם שבת דמיני׳ אזלינן – מ׳געפינט זיך דאָך גלייך אויף מאָרגן נאָך פון שבת פרשה ויגש, איז דאָך אויכעט די הפטורה שלו – וואָס דאָס איז דאָך דער סיום און דער גילוי פון דעם ענין הפרשה, ביז וואַנעט אַז דאָס האָט מען געמאַכט אין זמן הגלות און זמן הגזירות, און דאָס האָט מבטל געווען די גזירה אַז דערנאָך איז געוואָרן אַז האָט

מ'האָט צוריק עלויבט, אפילו דער צד שכנגד האָט אַראָפּגענומען, מבטל געווען די גזירה, און מיר לייענט אויכעט תורה ברבים, אעפ"כ איז ח"ו אָנרירן דעם ענין פון הפטורה, איז דאָס איז דאָך געבליבן במקומו קיים, און נאָכמערער – ס'איז אויכעט קיים אין אַן אופן ווי דאָס איז "נהנה" מן ההפטורה, "נהנה" אויכעט פון דעם גלות, און ווער איז "נהנה"? – אויכעט דער גשמיות הגוף כפשוטו, וואָס אויף דערויף מוז מען דאָך האָבן אַז ס'זאָל זיין די גשמיות העולם, זאָל זיין אין אַן אופן זי וועט שטיין בקרוב ממש ע"י הגאולה האמיתית והשלימה, וואָס דעמולט איז דאָך אויכעט אַז דער גוף "נהנה".

וכמדוייק – דוקא דער אופן פון "נהנה", און צוויי מאָל "ארץ" – ס'איז אַ רצון תחתון און אַ רצון עליון, וואָס דאָס איז אויכעט פאַרבונדן מיט בנימין און יוסף, וואָס ביידע ענינים זיינען דאָך פאַרבונדן מיט פרשה ויגש, און דורך זיי ביידן צוזאַמען איז געווען דער "ותחי רוח יעקב אביהם", וואָס דאָס איז דאָך אויכעט פון די פרשה ויחי, און ס'קומט גלייך צו דעם סיום וחותם פון "ספר הישר", וואָרום ס'ווערט נתגלה – "הקיצו ורננו שוכני עפר" – די אבות, וואָס זיי ווערן דאָך אָנגערופן בשם "ישר".

און ס'ווערט דער "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה", אַז "ראובן ושמעון נחתין" און "ראובן ושמעון סלקין", איז "מראה באצבעו ואומר זה" – אַז אָט שטייען די אַלע אידן וואָס געפינען זיך איצטער דאָ, לאחרי רגע זה, שטייען זיי אַלע צוזאַמען, אויך מיט די וואָס געפינען זיך אין עזרת נשים און קטנים וקטני קטנים, אנשים נשים וטף, שטייען זיי אין אַ מעמד ו[מצב] פון "סלקין", און ס'ווערט אויך די ביידע ענינים, אַז "לא שינו" כל הענינים.

במילא איז דאָך אַ זיכערע זאַך אַז די אַלע ענינים של מעלה, וואָס דאָך האָט דער "חלק אלוקה ממעל ממש", און דאָס וואָס ער האָט דאָ אַ איד, איידער ער טוט זיך אָן אין זיין גוף, איז דאָך "נשמה שנתת בי", און "כל הנותן בעין יפה נותן", איז "אתה בראתה", און נאָך פאַר דערויף איז "טהורה היא", אַז דאָס נעמט זיך פון טהירו עילאה, וואָס דאָס איז נאָך העכער פון טהירו תתאה, ע"ד פון יראה תתאה און יראה עילאה, אעפ"כ איז דאָס אַלץ דער ענין פון טוהר און "טהירו" מיט אַלע פירושים שבדבר, און מ'איז אויכעט זוכה און מ'זעט (דעם) דאָס אויף וואָס ס'שטייט דער "טוהר השמים", וואָס דאָס, שטייט דאָך דאָס אויף מעשה מרכבה, האָט מען דאָס "מראה באצבעו ואומר זה" – "והיו עיניך רואות את מוריך".

און ס'קומט תיכף ומיד ממש, כמוזכר. בפרט נאָך אַז מ'איז מסיים אויכעט מיט מאַכן יעדערען פון הנוכחים כאן אויף אַ שליח אויף געבן אויף ענינים של צדקה, וואָס דעמולט איז דאָך גלייך די החלטה בדבר שוין ברייננגט גלייך דעם שכר שבדבר, ובפרט אַז דאָס איז דאָך "כלו כל הקיצים", און מ'האָט "אין הדבר תלוי אלא בתשובה", איז דאָס "בשעתא חדא וברגעא חדא", ובפרט אין אַ טאָג אויף וואָס מ'איז שוין געזאָגט און געמאַכט אויף דערויף ברכות שלפני' ושלאחרי', אַז דאָס איז אַ טאָג פון "דרשו הוי' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב", און ס'ווערט גלייך דער "ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים", ותיכף ומיד ממש.

[אח"כ נתן כ"ק אדמו"ר שליט"א לכאו"א מהנאספים שי' שטר של דולר לתת אותו (או חילופו) לצדקה].

**הועתק מתוך דברי משיח תש"נ ח"ב, באדיבות "המכון להפצת תורתו של משיח".**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**